# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:35
מוצאי שב"ק....................9:04

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................איוב כ'-כ"א
בבלי.................עבודה זרה נ"ט
ירושלמי...................כתובות נ'
תוספתא................קרבנות ט'
רמב"ם..........שלוחין ושותפין ה'

פרשת עקב, כ"ב אב, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ד'
שנה 14, גליון 47 (715)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן, וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - וֵויינֶען. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם אוֹיס דֶער פָּסוּק **וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן, וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית,** דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה יא, ז): 'וְהָיָה' אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק: "וְהָיָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט: "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכט) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מח): **"וִוי נָאר אַ אִיד וִויל אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל טְרוֹיעֶר קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַיינְט".**

דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל אֵיין זַאךְ, אַרַיינְוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט, אִין אַ פַארְלוֹירְנְקֵייט, אִין אַ יִאוּשׁ, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאכְדֶעם אַרָאפּ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ. מִיט וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן? אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה כה, יב) **אִם תִּזְכּוּ לִשְׁמֹר שַׁבָּת מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ שְׁמַרְתֶּם כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה,** וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הִיט אָפּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, **וְאִם חִלַּלְתֶּם אוֹתָהּ מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ חִלַּלְתֶּם כָּל הַמִּצְוֹת,** אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט שַׁבָּת - לֵייקֶענְט מֶען בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיךְ טוּ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן אִין אַ גוּטֶע מוּט, גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**וְאָמַר: אֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט,** אַפִילוּ אַז עֶס הָאט זִיךְ יָא גֶעמַאכְט, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת, **שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם,** וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, גֶעבְּט דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה: **צוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין!** זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן. **וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אִין אִידִישׁ אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֶעס אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְּן אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַ גוּטֶע שִׂיחָה, בְּרֶענְגְט עֶס רֶבִּי נָתָן אַרָאפּ אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט: **"אוּן אֲפִלּוּ אַז מְ'פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרֵייט מֶען, אוּן מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט", וְהִגְבִּיהַּ יָדָיו קְצָת וְלֹא אָמַר יוֹתֵר,** דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶער.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דָא אַן עֵצָה וָואס מֶען זָאל טוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וְאָמַר,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, **שֶׁלְּעִנְיַן הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים שֶׁמְּבַלְבְּלִין לָאָדָם בְּעִנְיָן זֶה, שֶׁדַּיָּהּ לְצָרָה בְּשַׁעְתָּהּ** (בְּרָכוֹת ט:) **וְלֹא יְבַלְבֵּל עַצְמוֹ כְּלָל כְּלָל בְּעִנְיָן זֶה לֹא קֹדֶם וְלֹא אַחַר־כָּךְ,** אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תלז) בְּשַׁעַת אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר זָאגְן: **"הַיּוֹם אֲנִי מַתְחִיל לְדָבְקָה בְּךָ",** רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט; וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוְונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב. אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט",** וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, עֵקֶב תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אִינְאֵיינֶעם אִין גַּן עֵדֶן

וֶוען דֶער צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מִרִימְנוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֶע צוּ זַיין שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא,

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא וֶוערְן דִי קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים פַארְבְּרֶענְט, זֵיי וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִין דִי בְּרִיוו דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה ד, ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען נֶעמְט אַ גְּמָרָא אוּן מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְּמָרָא - "מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיְּמֵיכֶם", רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

הוֹיבּ הַיינְט אָן לֶערְנֶען גְּמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. הַיינְט נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן בֶּעלְזָא רָב, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר הָאבְּן דָא בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם גַּבַּאי פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זָאגְט עֶר מִיר אַלְץ אַז זַיין זֵיידֶע דֶער גַּבַּאי הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען פְלֶעגְט זָאגְן פַארְן רָב אַ גוּטֶע וָואךְ, הָאט דֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַ גוּטֶע וָואךְ אִיז אַ בְּלַאט גְּמָרָא"; אָן גְּמָרָא קֶען מֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַ גוּטֶע וָואךְ. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דוּ זוּכְסְט עֵצוֹת פַאר זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט (סֶעלְף-קַאנְפִידֶענְס), אַז דוּ זוּכְסְט עֵצוֹת וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי פַּאנִיק אַטַאקֶעס - זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אַלֶע עֵצוֹת וָואס מֶען וֶועט דִיר גֶעבְּן, אוֹיסֶער אֱמוּנָה - אִיז טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן פוּן דֶעם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק, 'יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ' וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, "בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת", לַיידְט עֶר נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, "שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", אוּן דַאן הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִילָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייִנִיג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

זִינְג זִיךְ דִי נִיגוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְפַּאסְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעמַאכְט וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיין אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיּוֹת וְכוּ', עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ, הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זִינְג זִיךְ דִי וֶוערְטֶער, אוּן זִינְג זִיךְ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, זִינְג צוּ זִיךְ: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶס וֶועט זַיין גוּט', חַזֶר אֱמוּנָה וֶועלְן אַוֶועק גֵיין דִי פַּאנִיק אַטַאקֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה - לֶעבְּט עֶר רוּאִיג.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּי"ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִין נַיין אִין דְרַייסִיג טֶעג פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן; פַארְגֶעס נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם מִיט דַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ אוּן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גְרִינְג. אֱמֶת טַאקֶע, מֶען קוּמְט אָפּ גְרוֹיסֶע זַאכְן מִיט טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט טַאקֶע (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "כִּי אִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל מֵהָרַב כִּי אִם עַל יְדֵי טְרָחוֹת וִיגִיעוֹת", מֶען קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי"ן וֶוען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז אַרִיבֶּער פְּלָאג אוּן מוּטְשֶׁענִישׁ, אָבֶּער מֶען דַארְף הָאבְּן תְּפִילָּה, וַוייל נָאר מִיט תְּפִילָּה קוּמְט מֶען אָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ה)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְּן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן גֶעוָואלְט גֶעבְּן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט, אָבֶּער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!"

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן אִין שׁוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן פַאר'חַלָּשׁ'ט. גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער".

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְּן, אָבֶּער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?" דֶער צַדִּיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִּיק, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן וִוי פַאר מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר? וַוייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵק אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיךְ וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר וִוי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שְׂכַר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שְׂכַר אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) אַז דִי מַאן אוּן פְרוֹי זֶענֶען וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה) אַז אוֹיבְּן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

מְ'קֶען נִישְׁט שַׁאצְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגֶערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ אִשָּׁה וְעֵרֶךְ זְכוּת)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע
## פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ריח)

### תשלא

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְן וַוייטֶער, הָאבְּן דִי דְרֵיי, רֶבִּי נָתָן מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן דֶער אִיד וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בְּרִיק, אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייטֶער נָאכְלוֹיפְן דֶעם וָואגְן, בִּיז דֶער וָואגְן אִיז מֶער נִישְׁט גֶעזֶען גֶעוָוארְן פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, וַוייל דֶער וָואגְן אִיז שְׁנֶעל גֶעפָארְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט.

זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעדַאוֶוענְט שַׁחְרִית, אוּן פוּן דָארְט בִּיז צוּרִיק אִין שְׁטָאט אַרַיין אִיז גֶעוֶוען וַוייט עֶטְלִיכֶע קִילָאמֶעטֶער, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט אַ וָואגְן וָואס אִיז גֶעפָארְן אִין שְׁטָאט אַרַיין, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעפָארְן אִין שְׁטָאט מִיטְ'ן וָואגְן אוּן גֶעדַאוֶונְט שַׁחְרִית.

### תשלב

דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי עֲשִׁירִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעפָארְן קַיין מָאהִלוּב אוּן זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תשכ"ח).

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין שְׁוֶוערְ'ס הוֹיז, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעטְרָאפְן זַיין שְׁוֶוער, עֶר אִיז שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אִיז זַיין וַוייב זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ מְסוּכָּן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִיר, וַוייל אִיר טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קְרֶעמְנִיץ, אוּן עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוָוארְן אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין שְׁטָאט וִוי אַזוֹי אַ מַאן לָאזְט אִיבֶּער זַיין וַוייב אַלֵיין (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תש"כ).

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מִיט זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, עֶר הָאט זֵיי עֶרְקְלֶערְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז אִין זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז זַיין וַוייב גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר שַׁיין גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אַסַאךְ אִיבֶּער דֶעם, בִּיז מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעלָאזְט.

### תשלג

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ח תִּשְׁרֵי, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט וָואלְטְשִׁיסְק, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוּמְגֶעפֶער 110 קִילָאמֶעטֶער פוּן שְׁטָאט קְרָאסְנִי, אוּן דָארְט אִיז דֶער גְרֶענִיץ אַרִיבֶּערְצוּגֵיין צוּם שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, אָבֶער דִי גְרֶענִיץ אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פַארְשְׁלָאסְן אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר בְּעֶרֶךְ צְוֵויי וָואכְן.

אֵיין נַאכְט חָלוֹמְ'ט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִוי עֶס שְׁטֵייעֶן אַסַאךְ סָאלְדַאטְן פוּן אוּנְזֶער קֵייזֶער, דֶער רוּסִישֶׁער קֵייזֶער, פוּן אֵיין זַייט, אוּן קֶעגְן זֵיי שְׁטֵייעֶן פִילֶע סָאלְדַאטְן פוּן זֵייעֶר קֵייזֶער, דֶער קֵייזֶער פוּן וִויעֶן, אוּן דִי קֶענִיגְן אַלֵיין זֶענֶען אוֹיךְ דָארְטְן, אוּן דֶער רֶבִּי בֶּעט פוּן אֵיין גֶענֶעַראל אַז עֶר זָאל אִים לָאזְן אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן יֶענֶער זָאגְט, "דִיךְ וֶועל אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט לָאזְן אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ אוּנְזֶער לַאנְד", וִוי צוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט מוֹרָא אַז דֶער רֶבִּי וֶועט דָארְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִין לַאנְד. אִיז דֶער

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס טוּט מֶען וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ?



שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ פְּרוּבִּיר נִישְׁט צוּ מוּטְשֶׁען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א סְתָם אַזוֹי, אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע רֶעדְן נִישְׁט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט עֶס עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, בִּיז מֶען הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פַארְלַאנְגֶען אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיב עֶס גֵייט טַאקֶע אָנְקוּמֶען אַזוֹי וַוייט, אָבֶער דֶער מַצָּב אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטוּב, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס מַיינֶע אַנְדֶערֶע בְּרִידֶער טְרַאכְטְן, אָבֶער אִיךְ וִויל נָאר אַנְטְלוֹיפְן.

אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶפֶּעס הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט. מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, אוּן דֶערִיבֶּער דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַלֶעס, אוּן בֶּאֱמֶת דַארְף עֶר מִיר גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן, אִיךְ שְׁפִּיר עֶס סֵיי וִוי סֵיי אִינְדֶערְהֵיים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל יֶעדְן טָאג פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי צַעַר פוּן קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶען קֶען פוּן דֶעם בַּארִירְט וֶוערְן, עֶס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאג, עֶס אִיז נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן דַיין וֵוייטָאג אוּן צוּ זֶען וִוי דוּ וֶוערְסְט גֶעפַּיינִיגְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נֶעמֶען קַיין זַייט אִין דִי מַחְלוֹקֶת, דוּ זַיי בֵּיידֶע מְכַבֵּד, אוּן בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען פַאר זֵיי, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי; עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, וַוייל תְּפִילָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען קֶען מִיט תְּפִילָה אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, מֶען קֶען מִיט תְּפִילָה בַּאקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע שְׁטוּב מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִדּוֹת תְּפִלָּה

**פג.** לִפְעָמִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵין מְקַבֵּל תְּפִלַּת הַצַּדִּיק, כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל אֵיזֶה אָדָם, כִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹדֵעַ, שֶׁיַּמְשִׁיךְ זֶה הָאָדָם לְאַחַר זְמַן אֶת הַצַּדִּיק בַּחֲטָאִים מֵחֲטָאָיו. צוּמָאל וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אַ תְּפִלָּה וָואס אַ צַדִיק בֶּעט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט שְׁפֶּעטֶער אַרַיינְשְׁלֶעפְּן דֶעם צַדִיק צוּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**פד.** אֵין הַמַּחֲשָׁבָה הוֹלֶכֶת אֶלָּא אַחַר הָעוֹבֵד. (פֵּרוּשׁ, מִי שֶׁעוֹבֵד הַשֵּׁם, אַחֲרָיו הוֹלְכִים וְנִמְשָׁכִים הַמַּחֲשָׁבוֹת לְבַלְבֵּל יוֹתֵר מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם, וְזֶהוּ אֵין הַמַּחֲשָׁבָה הוֹלֶכֶת אֶלָּא אַחַר הָעוֹבֵד). חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת מ"ו:) אַז אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה בַּיים מַקְרִיב זַיין אַ קָרְבָּן וֶוערְט גֶערֶעכְנְט נָאר בַּיים "עוֹבֵד", וֶוען דֶער כֹּהֵן וָואס טוּט דִי עֲבוֹדָה טְרַאכְט עֶפֶּעס וָואס קֶען מַאכְן פָּסוּל דֶעם קָרְבָּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס אַז "עוֹבֵד" מֵיינְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דַוְקָא בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי אִים וֶועט מֶער אַרַיינְקוּמֶען נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת אִים צוּ צֶעמִישְׁן אוּן פַארְדְרֵייעֶן, מֶער וִוי בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֵייזֶער אַלֵיין אוּן אִים גֶעבֶּעטְן צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין, אוּן דֶער קֵייזֶער הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, אִיךְ לָאז דִיר אַרִיבֶּערְגֵיין".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער, "אִיךְ וֵוייס אַז הַיינְט וֶועל אִיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם גְרֶענִיץ, וַוייל אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז יֶענֶעם טָאג אַרִיבֶּער דֶעם גְרֶענִיץ.

עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ זַאכְן אִין דֶעם חָלוֹם, אָבֶּער דָאס מֶערְסְטֶע אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן, וַוייל מֶען הָאט עֶס נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעמָאלְט. אוּן פַאקְטִישׁ אִיז דֶער גֶענֶעַראל גֶעוֶוען גֶערֶעכְט מִיט זַיין פַּחַד אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דָאס לַאנְד, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאס טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר הָאט מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דָארְטְן דִי אַפִּיקוֹרְסוּת, דִי שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה, וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דָארְט דוּרְךְ דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע מַשְׂכִּילִים.

נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט פוּן לֶעמְבֶּערְג, הָאט עֶר אַלֶע יָארְן גָאר אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט לַאנְגֶע תּוֹרוֹת אוּן דֶערְצֵיילְט לַאנְגֶע מַעֲשִׂיוֹת, אַלֶעס נָאר אִיבֶּערְצוּלָאזְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס מִיט דִי לִיכְטִיגְקֵייט קֶענֶען מִיר אָנְגֵייִן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בִּיז מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ קוּמֶען, וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט דִי שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם יצחק אייזנער** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יעקב הלל פארקאש** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אהרן גאלדשטיין** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק קויפמאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **פנחס דוד לעבאוויטש** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יעקב סאמעט** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

החתן **שמואל ראזענטאל** הי"ו בית שמש
צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **אברהם משה שטראססער** שליט"א קרית ברסלב
מנהל מוסדות היכל הקודש ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **הערשי** נ"י למז"ט

***

מו"ה **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **אברהם** נ"י למז"ט

***

מו"ה **יוסף פריעדמאן** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **נחמן שמעון** נ"י למז"ט

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פערציג טעג מסכת תענית, סגולה פאר שידוכים

וואס א יאר שפעטער עס גייט דורך, ווערט די סגולה פון זאגן און ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, מער און מער באקאנט. עס איז שוין דורך פערצן יאר זינט די הבטחה פון מוהרא"ש זי"ע, אבער די ברכה פון א צדיק ענדיגט זיך נישט. מען זעט יעדעס יאר ווי בחורים פאלגן דעם צדיק און כאפן זיך צו די גמרא, און ווערן געהאלפן מיט שידוכים.

די מעשה פון וואס מיר רעדן האט פאסירט אין מחנה תפארת תורה, אינעם דריטן יאר פון די ישיבה, מען איז דאן געווען סטאנציאנירט אין א קעמפ אין עלענוויל ניו יארק, דער מצב אין ישיבה איז דאן געווען זייער שווער. מען זעט ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו איבער יענע תקופה "דעמאלט איז נישט געווען קיין איין חתן אין ישיבה, ווייל מען האט זייער מבזה געווען די ישיבה, און מען האט ארויסגעלאזט א שלעכטע נאמען אויף מיר און אויף די ישיבה וכו', וואס דאס האט געברענגט אז מענטשן האבן מורא געהאט צו נעמען א בחור פון ישיבה פאר אן איידעם. יעדעס מאל מען האט אנגעטראגן א שידוך פאר איינעם, און יענער האט געהערט אז דער בחור לערנט אין ברסלב, האט יענער גלייך אראפגעהאקט דעם טעלעפאן".

דער ראש ישיבה פלעגט כסדר מזכיר זיין די בחורים ביי מוהרא"ש זי"ע, און האט אים געזאגט "וואס וועט זיין? קיינער וויל נישט נעמען קיין בחורים פון ישיבה", מוהרא"ש פלעגט אים אבער אלץ מחזק זיין, "ווערסט נאך זען - עס וועט קומען א צייט וואס די מיידלעך וועלן נאר וועלן בחורים פון דיין ישיבה". עס האט אויסגעזען ווי מוהרא"ש וויל אים פשוט מחזק זיין, מען האט נישט געקענט זען ווי אזוי זאכן וועלן זיך קענען טוישן.

דער ראש ישיבה שרייבט דארט ווייטער אינעם בריוו, "אבער היינט צו טאגס זעט מען וואס הייסט א ברכה פון א צדיק; צענדליגער שידוכים זענען געווארן נאר ווייל די מיידלעך האבן זיך איינגע'עקשנ'ט אז זיי ווילן נאר א בחור פון ישיבה, ווייל זיי הערן די דרשות פון ישיבה, און זיי הערן ווי אזוי די בחורים וואקסן אויף מיט מידות טובות, מיט שכל, וואס מען הערט נישט אין אנדערע פלעצער".

"איך האב דעמאלט געשריבן בריוון פאר מוהרא"ש זכרונו לברכה אז די בחורים וויינען צו מיר, זיי ווילן חתונה האבן, און מוהרא"ש האט מיר געשריבן אז ער גייט קומען חמשה עשר באב אין קעמפ מאכן א סעודה, און ער גייט ברענגען שידוכים. אזוי איז געווען, מוהרא"ש איז געקומען אין קעמפ, און מען האט געמאכט א סעודה לכבוד חמשה עשר באב.

"ביי די דרשה האט מוהרא"ש געזאגט אזוי: "איך זאג צו פאר אלע בחורים וואס זענען זיבעצן יאר און העכער, יעדער בחור וואס וועט יעדן טאג לערנען גאנץ מסכת תענית - פון ט"ו אב ביז ראש השנה, זאג איך צו אז ער וועט טרעפן זיין שידוך גלייך נאך ראש השנה"; וואס זאל איך דיר זאגן, כאשר אמר כן היה, עס האט זיך גלייך אנגעפאנגען שידוכים איינס נאכ'ן צווייטן, און אלע זענען חתנים געווארן און חתונה געהאט, און זיי האבן א שיינע לעבן. עס זענען געווען אפאר בחורים וואס האבן נישט געטראפן זייער שידוך גלייך דעמאלט, אין אנהייב האבן זיי געהאט קשיות - וואס הייסט? וואו איז מיין שידוך? איך האב דאך געזאגט מסכת תענית פערציג מאל? למעשה, שפעטער ווען זיי האבן געטראפן זייער שידוך, האבן זיי געזען אז זייער כלה איז נאך געווען יונג".

זייט דעמאלטס חזר'ט זיך דאס איבער יעדעס יאר חמשה עשר באב, און נישט נאר אין ישיבה היכל הקודש, נאר איבעראל אין אלע ישיבות, יעדער זוכט סגולות און עצות פאר א שידוך, און דא הערט מען אן אויסגעפרואווטע סגולה פון א צדיק, און דערפאר זעט מען אין פילע ישיבות ווי בחורים וואס נאכ'ן מיטהאלטן די סדרי הישיבה, נעמען זיי זיך צו די מסכת תענית, אן דעם וואס איינער זאל זיי הייסן אדער שטיין אויפ'ן קאפ, און זאגן אפ די גאנצע מסכת יעדן טאג, מיט די גרעסטע מאס עקשנות, און די ברכה פון א צדיק ווערט מקויים, ווען מען זעט יעדעס יאר גאר וואונדערליכע מעשיות פון בחורים וואס האבן געטראפן גוטע שידוכים אויף גאר אומגעראכטענע וועגן, שנעל און גרינג, און שטעלן אויף שיינע ערליכע אידישע שטיבער לשם ולתפארת.

חז"ל זאגן טאקע "לא היה ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב", די גרויסע שמחה חמשה עשר באב אז מען האט געטראפן שידוכים, אזוי אויך זאגן חז"ל אז פון חמשה עשר באב דארף יעדער מוסיף זיין בלימוד התורה, ביי די בחורים וואס פאלגן דעם צדיק - איז דאס ממש איין זאך. מען עס מוסיף בלימוד התורה, און מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף שטעלן מען אויף א בית נאמן בישראל.

## ספר המדות

**הערליכע שיעורים אינעם הייליגן "ספר המדות", דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדרוקט "דער ספר האט מיר געמאכט פאר א איד"**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 3, 10**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >